**3. This approach manifested by the Rebbe** Rayatz **can be appreciated from** the conduct of **the first Jewish leader, Moshe.** Moshe's words to the Jewish people that begin the Book of *Devarim* are introduced by the phrase,[7] **"These are the words which Moshe spoke."** As *Rashi* comments, Moshe was speaking **words of rebuke.** Now, **when did** Moshe deliver them? **"After he smote Sichon,** king of the Amorites … and Og, king of the Bashan…."[8] This example shows that only **after one does a favor for a person in material matters, should he offer rebuke.** The fact that a favor was done enables **the words of rebuke to be accepted and bring about the desired effect.**[9]

ג. דִי תְּנוּעָה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּא דֶעם רֶבִּי'ן, לֶערְנְט מֶען זִי אָפּ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן מַנְהִיג וְרוֹעֵה יִשְׂרָאֵל - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

עֶס שְׁטֵייט: אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה - דִּבְרֵי תוֹכָחָה. וֶוען אִיז דָאס גֶעוֶוען - אַחֲרֵי הַכּוֹתוֹ אֵת סִיחוֹן גו'. נָאךְ דֶעם וִוי מֶען טוּט יֶענֶעם אַ טוֹבָה אִין גַשְׁמִיּוּת, זָאגְט מֶען יֶענֶעם מוּסָר. אוּן דֶער מוּסָר וֶוערְט נִתְקַבֵּל אוּן טוּט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף אוֹיפְטָאן[כג].

**This is a lesson for** Jewish leaders, **"the extension of Moshe in every generation."[10] The first thing** a Jewish leader should do is **disseminate kindness, blessing, and success. Afterwards,** he may **offer rebuke. This order should be followed even when one must rebuke another for** something as serious as the sin of the Golden **Calf,[11] the very opposite of** Jewish **faith.**

אוּן דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה צוּ אִתְפַּשְׁטוּתָא דְמֹשֶׁה בְּכָל דָּרָא - מֹשֶׁה שֶׁבְּכָל דּוֹר: דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַשְׁפִּיעַ זַיְין חֶסֶד, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן דַאן מוּסֶרְן. אוּן אִין אַזַא סֵדֶר - אוֹיךְ אֲפִילוּ וֶוען דֶער מוּסָר אִיז אוֹיף אַן עִנְיָן פוּן עֵגֶל - הֵיפֶּךְ הָאֱמוּנָה.

## Whom to Help Ascend

**4. The Rebbe** Rayatz **was once asked** to explain **the reason for** his ongoing **practice of drawing close all**

ד. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט בַּא דֶעם רֶבִּי'ן בַּעַל הַהִילוּלָא, אַ טַעַם אוֹיף זַיְין הַנְהָגָה צוּ מְקָרֵב

6. *Tanya,* ch. 32.

7. *Devarim* 1:1.

8. *Devarim* 1:4.

**9. See *Sifri,* quoted by *Rashi,* on the verse.**

10. Cf. *Tikkunei Zohar, tikkun* 69, pp. 112a, 114a.

11. As *Rashi* comments, Moshe's words of rebuke also referred to the sin of the Golden Calf.

Jews, even those who are in the category opposite of those who "should [be helped to] ascend and should not be cast into a…."[12]

The Rebbe Rayatz answered that there are four divisions of the *Shulchan Aruch: Orach Chayim*, *Yoreh Deah, Even HaEzer,* and *Choshen Mishpat.* The laws pertaining to who "should [be helped to] ascend…,"[13] etc., are in *Choshen Mishpat,* the last division, and in *Choshen Mishpat* itself, in almost the very last section.

As such, the order should be to study all of the sections of *Orach Chayim*, *Yoreh Deah, Even HaEzer,* and the overwhelming majority of *Choshen Mishpat.* Only when one reaches the final few sections of *Choshen Mishpat* should he study whether one should help another Jew ascend or, Heaven forbid, the opposite.

זַיְין אַלֶע אִידְן, אֲפִילוּ דִי וָועלְכֶע זַיְינֶען אִין אַ פַּארְקֶערְטְן סוּג פוּן מַעֲלִין וְלֹא מוֹרִידִין.

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ זַיְינֶען פַאראַן פִיר חֲלָקִים, אוֹרַח חַיִּים, יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֵזֶר אוּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט וָועלְכֶער אִיז דֶער לֶעצְטֶער חֵלֶק. דִי דִינִים וֶועגְן דִי עִנְיָנִים פוּן מַעֲלִין וכו׳ זַיְינֶען אִין חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אוּן אִין חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט גוּפָא - אִין דִי לֶעצְטֶע סִימָנִים.

דֶער סֵדֶר ווִי מֶען דַארְף לֶערְנֶען אִיז, עַל פִּי הַנַּ״ל, אַלֶע סִימָנִים פוּן אוֹרַח חַיִּים, יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֵזֶר, אוּן רוּבּוֹ כְּכוּלּוֹ פוּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט בִּיז דִי עֶטְלֶעכֶע סִימָנִים צוּם סוֹף, אוּן דֶעמָאלְט עֶרְשְׁט לֶערְנְט מֶען צִי מַעֲלִין, צִי חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט.

## The Safer Path

5. To focus on the inner dimension of the above motif: When one does a favor for another Jew, there is no doubt that he is fulfilling a *mitzvah.* By contrast, when one does something harmful to an individual but claims that he acted according to the Torah, there is no such certainty. Firstly, it is possible that he is making a mistake regarding the law. Furthermore, it could be that he is acting out of self-interest. Also, perhaps, he is punishing the other, not because the *Shulchan Aruch* requires such, but because he takes pleasure in administering punishment.[14]

For this reason, a judge must be characterized

ה. דֶער פְּנִימִיּוּת הָעִנְיָן פוּן דֶעם:

בְּשַׁעַת מֶען טוּט אַ אִידְן אַ טוֹבָה, אִיז קֵיין סָפֵק נִיט אַז מֶען טוּט אַ מִצְוָה. אָבֶּער בְּשַׁעַת מֶען טוּט אַ אִידְן נִיט קֵיין גוּטְּע זַאךְ, אוּן מֶען טַעֲנֶה׳ט אַז דָאס אִיז עַל פִּי תּוֹרָה, אִיז עֶרְשְׁטְנְס קֶען זַיְין אַז מֶען הָאט אַ טָעוּת אִין דִין. ווַיְיטֶער קֶען זַיְין אַז מֶען טוּט דָאס צוּלִיבּ אַ פְּנִיָּה, אוּן דֶערְצוּ קֶען זַיְין אַז מֶען שְׁמַיְיסְט יֶענֶעם, נִיט ווַיְיל דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ הֵייסְט, נָאר ווַיְיל מֶען הָאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין שְׁמַייסְן*.

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר, אַז אַ שׁוֹפֵט דַארְף

12. Our Sages (*Avodah Zarah* 26b; *Shulchan Aruch, Choshen Mishpat,* the end of sec. 425) speak of certain sinners for whom – in contrast to most Jews who must be helped to ascend from life-threatening situations and may not be subjected to them – an opposite approach should be taken. In other words, the questioner was asking the Rebbe Rayatz why he would be so involved even with such sinners.

13. Characteristically, the Rebbe omits direct mention of those "who should not be helped…."

14. See *Derech Mitzvosecha, mitzvas lo sivarru eish,* sec. 2.

**by kindness.**[15] **He must be able to find redeeming factors for a defendant. Even when he rules** that **lashes – and, at times, a more severe sentence** – must be given, **he himself cannot actually administer the ruling even though it is in accordance with the *Shulchan Aruch,* since he cannot bear the other person's pain.** Instead, the punishment **is administered by an agent of the court.**

**The** only **exception is a perfect *tzadik*** – **like the Prophet Shmuel – who does not feel his own identity. His entire existence is focused on carrying out G-d's will.** For that reason, Shmuel **himself killed Agag,** king of the Amalekites.[16]

זַיְין אַן אִישׁ הַחֶסֶד דַוְקָא[כד], עֶר דַארְף קֶענֶען גֶעפִינֶען אַ זְכוּת אוֹיף יֶענֶעם. אוּן אֲפִילוּ בְּשַׁעַת עֶר פַּסְקְ'נְט אֶפּ מַלְקוּת, אוּן אַמָאל נָאךְ אַן עֶרְגֶערֶע זַאךְ, אוֹיךְ דַאן קֶען עֶר אַלֵיין נִיט מוֹצִיא זַיְין דֶעם פְּסַק דִין לְפּוֹעַל, כָאטשׁ עֶס אִיז עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָוארוּם עֶר קֶען נִיט פַארְטְרָאגְן יֶענֶעמְס צַעַר, אוּן לְפּוֹעַל טוּט עֶס אַ שְׁלִיחַ בֵּית דִין.

– סַיְידְן אַ צַדִיק גָמוּר אַזוֹי ווִי שְׁמוּאֵל הַנָבִיא, וָואס עֶר הָאט נִיט קֵיין אֵייגֶענֶע מְצִיאוּת אוּן כָּל מְצִיאוּתוֹ אִיז גֶעוָוען לְקַיֵים רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, הָאט עֶר אַלֵיין גֶע'הַרְגֶ'עט אֲגָג'ן.

## A Reciprocal Flow of Blessing

**6. Chassidim desire to follow the Rebbe's paths. We must realize that although we must be** careful to **safeguard ourselves from those on a lower** spiritual **level** than us **lest they drag us down, we must not drive the other person away.** On the contrary, **we must lift him up, doing favors** for him, **even concerning physical matters. Through this, later, benefit will also come in spiritual matters.**

**Then,** as our **Sages**[17] **commented on the verse,**[18] **"G-d will illuminate both their eyes,"** the person who rendered assistance **will also be helped from Above to follow the proper path.** Furthermore, **he and the members of his household will be granted everything they need generously. Unbounded Divine kindness will be granted him from above. Moreover, As *Chassidus***[19] **interprets** the phrase,[20] ***vehu yichalkilecha,* "He will sustain you,"** G-d **will also provide the *k'li*** (**"conduit"**) **through which Divine munificence will be drawn down.**

ו. חֲסִידִים ווִילְן דָאךְ גֵיין אִין דֶעם רֶבִּי'נְס דְרָכִים, דַארְף מֶען ווִיסְן, אַז הֲגַם מֶען דַארְף זִיךְ טַאקֶע אוֹיסְהִיטְן פוּן דֶעם וָואס שְׁטֵייט נִידֶערִיקֶער, עֶר זָאל נִיט אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער מֶען דַארְף אִים נִיט מְרַחֵק זַיְין, נָאר אִים אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן טָאן אַ טוֹבָה אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, אִיז דוּרְךְ דֶעם - קוּמְט שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַ טוֹבָה אִין רוּחְנִיוּת.

אוּן דֶעמָאלְט אִיז כְּמַאֲמַר רַזַ"ל[כה] עַל פָּסוּק מֵאִיר עֵינֵי שְׁנֵיהֶם הֲוָיָ', אַז מֶען הֶעלְפְט מִלְמַעְלָה אוֹיךְ אִים, עֶר זָאל גֵיין בְּדֶרֶךְ הַיָשָׁר, אוּן מֶען אִיז אִים מַשְׁפִּיעַ בְּיָד רְחָבָה אַלְץ וָואס עֶר בַּאדַארְף, צוּ אִים אוּן צוּ זַיְינֶע בְּנֵי בַּיִת. מֶען אִיז אִים מַשְׁפִּיעַ פוּן דֶעם חֶסֶד שֶׁלְמַעְלָה וָואס ס'אִיז בְּלִי גְבוּל, אוּן מֶען גִיט אִים אוֹיךְ אַ כְּלִי, ווִי דֶער טַיְיטשׁ פוּן חֲסִידוּת, וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ - גֶעבְּן אוֹיךְ דִי כְּלִי אִין וָואס עֶס זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן דִי הַשְׁפָּעָה.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ד)

---

**15.** ***Rambam, Hilchos Sanhedrin*** **2:3: "We should not appoint to any *Sanhedrin* a man…** [who] possesses the trait of cruelty."

16. *I Shmuel* 15:33.

**17.** ***Temurah*** **16a;** see the preface to *Tanya.*

18. *Mishlei* 29:13.

19. *Sefer HaMaamarim Kuntreisim,* Vol. 2, p. 338b, *et al.*

20. *Tehillim* 55:23.

יט) סימן ז.
כ) שבת קיח, ב.
כא) בבא מציעא ג, א.
כב) פרק לב.

כג) זע ספרי דברים א׳ד. הובא בפירוש רש"י שם.
*) זע דרך מצותיך, מצות לא תבערו אש, אות ב.

כד) רמב"ם הלכות סנהדרין פ"ב ה"ג: אין מעמידין בכל הסנהדרין כו׳.
כה) תמורה טז, א.

# YUD SHVAT II | יו"ד שבט ב

Adapted from a sichah delivered on *Yud* Shvat, 5717 (1957)

## Introduction

The renowned chassid, Reb Mendel Futerfas, spent 14 years in Soviet prisons and labor camps. Though he devoted most of his free time to prayer and study, he spent a few hours each day conversing with his fellow prisoners – a diverse group that included political idealists fallen from Stalin's favor, underground businessmen, and ordinary people jailed for crimes neither they nor their captors fully understood.

Among them was a circus tightrope walker. He and Reb Mendel had an ongoing argument. Reb Mendel insisted there must be hidden safety cables; the performer maintained that with proper training, no cables were needed.

Years later, when prison rules relaxed, the authorities allowed a makeshift circus for May Day. The tightrope walker organized the show, with his walk as the highlight. After completing his act flawlessly – despite years away from practice – he approached Reb Mendel triumphantly.

"You see? No cables."

Reb Mendel nodded in agreement.

"You're a smart man," the performer continued. "Tell me: What's the secret? Is it in the hands? The feet?"

Reb Mendel paused to think. The performer had moved his hands freely, and it did not appear that his footwork was the determining factor.

After reviewing the scene in his mind several times, Reb Mendel replied: "It's the eyes. At all times, your eyes were riveted on the opposite pole."

The performer nodded in agreement. "When you see your destination in front of you, you know where to put your feet."

The *sichah* that follows illustrates this principle, showing that when a Jewish leader's eyes are fixed on the destination, no obstacle – not even a sea – can stand in the way.

# Everyone a Nachshon

## "Living with the Times"

**1. Among the practices the Rebbe** Rayatz **ordained was the institution of the daily study of the Torah portion of the week together with *Rashi's* commentary,** each day reviewing the *aliyah*[1] **corresponding to that day.**[2]

**The Rebbe** Rayatz **associated** this practice **with the Alter Rebbe's adage,**[3] **"We must live with the times,"** which is interpreted to **mean that we must derive lessons relevant to the present day from the Torah portion studied that day.**

א. צְווִישְׁן דִי תַּקָנוֹת פוּן רֶבִּי'ן בַּעַל הַהִילוּלָא אִיז פַאַראַן דִי תַּקָנָה, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י - פוּן דֶער סֶדְרָה פוּן וָואךְ - וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּם בַּאטְרֶעפְנְדִיקְן טָאג.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְבַּיי גֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט פוּן אַלְטְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען בַּאדַארְף לֶעבְּן מִיט דֶער צַיְיט, וָואס דָאס מֵיינְט, אַז פוּן דֶער פַּרְשָׁה וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען הוֹרָאוֹת וָואס זַיְינֶען שַׁיָיךְ צוּ דֶעם טָאג.

## One Act That Changed History

2. **The portion** of the weekly Torah reading **associated with the present day, the day of the *yahrzeit*** of the Rebbe Rayatz, i.e., **the second reading (*sheni*) in *Parshas Beshalach,* speaks about the Jews' situation shortly before the splitting of the Sea of Reeds.**

**The splitting of the Sea of Reeds was one of the greatest miracles** that ever happened; this is implied by **our Sages' saying,**[4] **"as difficult as the splitting of the sea." Moreover, the splitting of the Sea of Reeds served as a preparation for the Giving of the Torah**[5] **and for the Future Redemption.**[6]

ב. אִין דֶער פַּרְשָׁה וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּם הַיְינְטִיקְן טָאג פוּן יוֹם הַהִילוּלָא (פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי אִין סֶדְרָה בְּשַׁלַּח), רֶעדט זִיךְ אַרוּם וֶועגְן דֶעם מַעֲמָד וּמַצָּב וָואס אִיז גֶעוֶועןבַּיי אִידְן אַ וַוְיילֶע פַאר קְרִיעַת יַם סוּף.

קְרִיעַת יַם סוּף אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע נִסִים, כִּלְשׁוֹן רַזַ"ל[ד], קָשֶׁה כִּקְרִיעַת יַם סוּף. קְרִיעַת יַם סוּף אִיז אַ הֲכָנָה צוּ מַתַּן תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ צוּ דֶער גְאוּלָּה הָעֲתִידָה.

---

1. The communal Torah reading on Shabbos is divided into seven *aliyos*. The practice ordained by the Rebbe Rayatz involves studying the *aliyah* corresponding to the matching day of the week, so that – for example – the content of the third *aliyah* would be studied on the third day of the week, namely Tuesday.

2. *Sefer Hasichos 5702,* p. 27.

3. Ibid. p. 29, cited in *HaYom Yom,* entry 2 Marcheshvan.

4. ***Sotah* 2a.**

5. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 17b ff.

6. See *Yeshayahu* 11:15; *Likkutei Sichos,* loc. cit.

**What** were the circumstances that **led to the splitting of the Sea of Reeds? The third reading in *Parshas Beshalach*[7] relates that there was a Jew, Nachshon ben Aminadav, who** risked his life **and jumped into the sea.** His act of ***mesiras nefesh*** ("self-sacrifice") **brought about a flow** of Divine energy **to this physical plane** and **into all of the Jewish people, causing the miracle of the splitting of the Sea of Reeds.**

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ קְרִיעַת יַם סוּף?

דֶערְצֵיילְט זִיךְ אִין דֶער פַּרְשָׁה שְׁלִישִׁי ווָאס מֶען לֶערְנְט מָארְגְן, נָאךְ דֶער הִילוּלָא: עֶס אִיז גֶעווֶען אַ אִיד, נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב, ווָאס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעווֶען אוּן אַרַיְינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר פּוֹעֵל גֶעווֶען דִי הַמְשָׁכָה אִין אַלֶע אִידְן אוּן אַרָאפְּגֶעטְרָאגְן דֶעם נֵס פוּן קְרִיעַת יַם סוּף דָא לְמַטָּה.

## Seeing Nothing But the Goal

3. From a legalistic perspective, **it is not entirely clear whether it was permissible for Nachshon to jump into the sea at that time and in those circumstances.** There are two issues involved: **As is well known, there is an opinion** in Jewish Law **that, before the Giving of the Torah,** the unique status of **the Jewish people** had yet to be established and they **had the** same **legal status as Noachides.**[8] In addition, **there is a difference of opinion among *Rishonim* and *Acharonim* whether a Noachide is obligated to sacrifice his life** to sanctify G-d's name.[9]

ג. דָאס ווָאס נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב אִיז אַרַיְינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם, אִיז דָאס גֶעווֶען אִין יֶענֶער צַיְיט אוּן אִין יֶענֶער לַאגֶע, אַן עִנְיָן ווָאס סְ׳אִיז נִיט גֶעווֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. עֶס אִיז דָאךְ בַּאווָאוּסְט דִי שִׁיטָה, אַז דִי אִידְן פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן גֶעהַאט אַ דִין פוּן בְּנֵי נֹחַ, אוּן סְ׳אִיז אַ פְּלוּגְתָּא אִין רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים צִי אַ בֶּן־נֹחַ אִיז מְחוּיָּב אוֹיף מְסִירַת נֶפֶשׁ.

**According to the opinion that Noachides are not obligated to sacrifice their lives** in sanctification of G-d's name, **they are actually forbidden to do so.** The reason is that **Noachides are prohibited against shedding blood,**[10] **even their own blood, as implied by the verse,**[11] **"I will demand an account of *your* blood of *your* souls." As such, it follows that** – according to the opinion that his status was that of a Noachide – **Nachshon was forbidden to sacrifice his life.**

אִיז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אָן, אַז בְּנֵי נֹחַ זַיְינֶען נִיט מְחוּיָּב בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ, טָארְן זֵיי זִיךְ נִיט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין, ווָארוּם זֵיי זַיְינֶען דָאךְ מְצֻוֶּוה אוֹיף שְׁפִיכוּת דָמִים אֲפִילוּ שֶׁל עַצְמוֹ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם אֶדְרוֹשׁ, בְּמֵילָא קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז נַחְשׁוֹן הָאט זִיךְ נִיט גֶעטָארְט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין.

---

7. As mentioned in the *sichah*, in the year the *sichah* was delivered, Yud Shvat fell on a Monday and that reading was studied the following day.

8. See *Encyclopedia Talmudis,* Vol. 3, the beginning of *erech ben Noach* and the sources mentioned there.

9. See ibid., p. 350. See *Rambam, Hilchos Melachim* 10:2, which states specifically that Noachides are not obligated to sacrifice their lives. See, however, *Tosafos, Sanhedrin* 75a, s.v. *ve'im; Parshas Derachim, Derush* 2.

10. See *Rambam, Hilchos Melachim* 9:4.

11. *Bereishis* 9:5. See *Rashi* on the verse; *Bereishis Rabbah* 34:13; *Bava Kama* 91b.

There are Rabbinic authorities who maintain **that before the Giving of the Torah, the Jews did not conduct themselves as Noachides,** but rather observed the *mitzvos* incumbent upon Jews. However, the license to conduct oneself in such a manner **applies only** when this would **lead to a more stringent ruling, not a more lenient one.**[12] In this instance, allowing Nachshon to sacrifice his life would have been a more lenient ruling.[13] **As such, even according to** this **view,** he was **prohibited from sacrificing his life.**

Why then did **Nachshon** jump into the sea? He **knew that G-d had promised** Moshe,[14] **"When you take the people out of Egypt, you will worship G-d on this mountain." This means that** after leaving **Egypt,** the Jews **were to go to Mount Sinai to receive the Torah. Accordingly, whatever** obstacles Nachshon had to face **on the way** to Sinai **were inconsequential. He knew** but one thing – **that he had to go to Mount Sinai.** The fact that **there was a sea in front of him was not relevant to him.** In his mind, there was no question; **he had to jump into the sea and proceed further until he arrived for the Giving of the Torah.**

אֲפִילוּ לוֹיט דִי שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז אִידְן פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט נִיט וִוי בְּנֵי נֹחַ, אִיז דָאס דַוְקָא לְחוּמְרָא אָבֶּער נִיט לְקוּלָא. בְּמֵילָא הָאט מֶען זִיךְ נִיט גֶעטָארְט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין.

נָאר נַחְשׁוֹן הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וִוען דֶער אוֹיבֶּערשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה, דָאס הֵייסְט אַז פוּן מִצְרַיִם דַארְף מֶען גֵיין צוּם בַּארְג סִינַי מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה. בְּמֵילָא אִיז אִים נִיט גֶעווֶען נוֹגֵעַ וָואס עֶס אִיז אִין מִיטְן וֶועג. עֶר ווֵייסְט אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּם בַּארְג סִינַי. אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אִין מִיטְן אַ יַם, הָאט עֶס צוּ אִים קֵיין שַׁיְיכוּת נִיט, עֶר דַארְף שְׁפְּרִינְגֶען אִין יַם אוּן גֵיין וַויְיטֶער בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ מַתַּן תּוֹרָה.

## Not a Time for Debates

**4. In connection with today's Torah reading, which is connected to the *yahrzeit* of the Rebbe** Rayatz, **the Midrash**[15] **relates that** before the splitting of the sea, **there were four groups among the Jewish people: One group maintained that** the Jews should **"appoint a leader and return to Egypt."**[16] **A second group thought that they should wage war against the Egyptians. A third group argued that they should flee into the desert. Only one group maintained that they may – or should – proceed into the sea.**

ד. ווִי עֶס ווֶערְט דֶערְצֵיילְט אִין מִדְרָשׁ (פִּרְקָא דְרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ) אוֹיף דֶער פַּרְשָׁה פוּן הַיְינְט, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּם יוֹם הַהִילוּלָא, אַז עֶס זַיְינֶען דֶעמָאלְט בַּיי אִידְן גֶעווֶען פִיר כִּתּוֹת: אֵיין כִּתָּה הָאט גֶעהַאלְטְן אַז נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה מִצְרָיְמָה. אַ צְווֵייטֶע כִּתָּה הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי מִצְרִיִּים. אַ דְרִיטֶע כִּתָּה הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט מֶען זָאל לוֹיפְן אִין מִדְבָּר. מֶער נִיט ווִי אֵיין כִּתָּה הָאט גֶעהַאלְטְן, אַז מֶען מֶעג אָדֶער מֶען דַארְף גֵיין אִין יַם.

---

12. See *Encyclopedia Talmudis, erech avos* (1), p. 36.

13. For he would not be observing the stringency of the prohibition against shedding blood.

14. *Shmos* 3:12.

15. ***Pirka D'Rabbeinu HaKodesh,*** *Bava D'Arba'ah, os* 51, *et al.*

16. Cf. *Bamidbar* 14:4.

One of the principles of Torah Law is to **follow the majority.**[17] **As such, in truth, even according to the logic of holiness, Nachshon had reason to question whether it was permissible for him to proceed into the sea.**

איז דאָך בֶּאֱמֶת מִצַד דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת, הָאט דאָך נַחְשׁוֹן אֲפִילוּ עַל פִּי שֵׂכֶל דִקְדוּשָׁה גֶעקָאנְט צְווייפְלֶען אוֹיבּ מֶען מֶעג גֵיין אִין יַם.

**Nevertheless, Nachshon did not want to enter into any debates. He knew that G-d had told** Moshe **that** the Jews **were to go to Mount Sinai and receive the Torah. Nachshon contended that returning to Egypt was not the way to achieve that goal, nor was waging war against the Egyptians or going into the desert. There was only one way to achieve that goal – to proceed into the sea. Consequently,** there was no other choice; only one course of action presented itself: **to jump into the sea. By doing so, he would draw one step closer to Mount Sinai.**

נָאר נַחְשׁוֹן הָאט נִיט גֶעווָאלְט אַרַיינְגֵיין אִין קֵיין שַׁקְלָא וְטַרְיָא. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּם הַר סִינַי מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה. הָאט נַחְשׁוֹן גֶע'טַעֲנֶה'ט, אַז צוּ דֶערְגְרֵייכְן דֶעם צִיל, אִיז נִיט קֵיין וועֶג זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן קֵיין מִצְרַיִם, אוֹיךְ נִיט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט מִצְרַיִם אָדֶער גֵיין אִין מִדְבָּר. צוּ דֶעם אִיז דָא מֶער נִיט ווִי אֵיין וועֶג, אוּן דָאס אִיז - גֵיין אִין יַם. בְּמֵילָא דַארְף מֶען שְׁפְּרִינְגֶען אִין יַם, ווָאס דוּרְכְדֶעם ווֶערְט מֶען מִיט אַ טְרָאט נֶענְטֶער צוּם הַר סִינַי.

## Who Can Demand Self-Sacrifice from Others?

5. **The situation of the Jewish people** before **the splitting of the Sea of Reeds is a lesson for all generations, relevant also to the service of the Rebbe** Rayatz. **He carried out his holy work with** total **self-sacrifice and communicated** that approach **to those who followed his path.**

ה. דֶער מַעֲמָד וּמַצָּב פוּן אִידְן בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף אִיז אַ הוֹרָאָה לְדוֹרוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ צוּ דֶער עֲבוֹדָה פוּן דֶעם רֶבִּי'ן בַּעַל הַהִילוּלָא, ווָאס עֶר אַלֵיין הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אוּן עֶר הָאט דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ דִי ווָאס גֵייעֶן אִין זַיְינֶע ווֶעגְן.

**At the very beginning of his leadership, he began his holy work with self-sacrifice. At that time in Russia, when the Yevsektzia**[18] **were creating havoc, his acceptance of leadership** that involved **spreading the Torah, its *mitzvos,* and *pnimiyus haTorah* defied the** prevailing **structure of the country.** Such efforts **ran contrary to what was natural; one had to be willing to sacrifice his soul as well as his body in actual fact.**

בַּאלְד בַּיְים אָנְהוֹיבּ פוּן זַיְין נְשִׂיאוּת הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיְין עֲבוֹדָה בַּקֹּדֶשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. עֶס אִיז דַאן גֶעווֶען אִין רוּסְלַאנְד דִי צַיְיט ווֶען דִי יֶעווְסֶעקְעס הָאבְּן גֶעבּוּשֶׁעווֶעט, אוּן אָנְצוּנֶעמֶען דֶעמָאלְט אוֹיף זִיךְ אַ נְשִׂיאוּת מֵפִיץ זַיְין תּוֹרָה וּמִצְווֹת אוּן פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, אִיז דָאס גֶעווֶען אַן עִנְיָן הָפְכִּי פוּן סֵדֶר הַמְּדִינָה, הֵיפֶּךְ הַטֶּבַע, אוּן מֶען הָאט אוֹיף דֶעם גֶעדַארְפְט הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ וְהַגּוּף בְּפוֹעֵל מַמָּשׁ.

---

17. See *Shmos* 23:2. See also *Rambam's* listing of the *mitzvos* before *Hilchos Sanhedrin, mitzvah* 3, *Hilchos Sanhedrin* 8:1.

18. The Jewish Section of the Soviet Communist Party, notorious for its aggressive campaign against Jewish religious practice and Torah education in the 1920s and 1930s.

The Rebbe **demanded such self-sacrifice** not only from himself, but **also from his followers and those who worked with him.**

**There is no law in the *Shulchan Aruch* requiring that one should demand that others** seek **self-sacrifice. When it comes to all** other ***mitzvos*, we must urge others** to fulfill them. Doing so **is included in the *mitzvah*,**[19] **"You shall certainly rebuke your fellow." But we do not find** an obligation to motivate others to **seek self-sacrifice.**

**When will one** not hesitate to such demands of others? **When he does not feel that he is acting on a mission from Above. However, it is** entirely **different when** one is not speaking his own words, but instead, it is as if **"the Divine Presence is speaking from his throat."**[20]

אוּן דֶעם מְסִירַת נֶפֶשׁ הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעמָאנְט פוּן דִי וָואס זַיְינֶען מִיט אִים מִיטְגֶעגַאנְגֶען אוּן מִיטְגֶעאַרְבֶּעט.

הֲגַם אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ גֶעפִינְט מֶען נִיט קֵיין דִין, אַז מֶען זָאל מָאנֶען פוּן יֶענֶעם מְסִירַת נֶפֶשׁ; אוֹיף אַלֶע מִצְווֹת גֶעפִינְט מֶען אַז מֶען דַארְף מָאנֶען בַּיי יֶענֶעם, וָואס דָאס גֵייט אַרַיְין אִין דֶער מִצְוָה פוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, אָבֶּער אוֹיף זוּכְן מְסִירַת נֶפֶשׁ, גֶעפִינְט מֶען דָאס נִיט -

וֶוען אִיז דָאס גֶערֶעדט גֶעוָוארְן, בְּשַׁעַת מֶען פִילְט נִיט אַז מֶען הָאט אַ שְׁלִיחוּת פוּן אוֹיבְּן. אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶס אִיז עַל דֶרֶךְ: שְׁכִינָה מְדַבֶּרֶת מִתּוֹךְ גְּרוֹנוֹ.

## Single-Minded Progress; Never to Be Deterred

**6. In one** of the ***maamarim*** he delivered,[21] **the Rebbe** Rayatz **elaborates on the difference between the self-sacrifice of Rabbi Akiva and that of our Patriarch Avraham. Rabbi Akiva yearned for and sought self-sacrifice, as he said,**[22] **"When will I be afforded the opportunity [for *mesiras nefesh*] so that I may actually carry it out?"**

**By contrast, our Patriarch Avraham** did not seek ***mesiras nefesh*** **as a service in its own right. His characteristic** thrust **was** encapsulated by the verse,[23] **"He proclaimed there in the name of G-d, eternal L-rd,"** on which our Sages[24] comment, **"Do not read *vayikra* – 'he proclaimed,' but *vayakri* – 'he motivated others to proclaim.'" Everyone should proclaim** G-d's name. Moreover, **they should not call G-d אֵ-ל הָעוֹלָם, *El HaOlam*, "the G-d of the world"** – that

ו. דֶער רֶבִּי רֶעדט אַרוּם אִין אַ מַאֲמָר דֶעם חִילוּק פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן רַבִּי עֲקִיבָא אוּן דֶעם מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ. אַז רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ דֶעם אוּן גֶעזוּכְט דֶעם עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט מָתַי תָּבֹא לְיָדִי וַאֲקַיְּמֶנָּה.

מַה שֶׁאֵין כֵּן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז מְסִירַת נֶפֶשׁ נִיט גֶעוֶוען אַן עֲבוֹדָה פַאר זִיךְ. זַיְין עִנְיָן אִיז גֶעוֶוען, וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ' אֵ-ל עוֹלָם, אַל תִּקְרֵי וַיִּקְרָא אֶלָּא וַיַּקְרִיא, עֶר הָאט גֶעמַאכְט יֶענֶעם שְׁרַיְיעֶן, אַז אַלֶע זָאלְן שְׁרַייְעֶן נִיט אֵ-ל הָעוֹלָם, אַז אֱלֹקוּת מִיט עוֹלָם זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן

---

19. *Vayikra* 19:17. *Sefer HaMitzvos* (positive commandment 205) and *Sefer HaChinuch* (*mitzvah* 239) include this as one of the 613 *mitzvos* of the Torah.

20. See *Zohar*, Vol. III, p. 232a, 7a, 265a; *Shmos Rabbah* 3:15; *Vayikra Rabbah* 2:3; *Mechilta, Shmos* 18:19.

21. The conclusion of the *maamar* beginning *HaChodesh HaZeh Lachem, 5700* (*Sefer HaMaamarim 5700*, p. 29ff.). See the Rebbe's *maamar, Basi LeGani*, 5711, sec. 3, where he elaborates on this point.

22. *Berachos* 61b.

23. *Bereishis* 21:33.

24. *Sotah* 10b.

would imply **that G-d and the world are connected but are two separate entities – but** א-ל עוֹלָם, ***El Olam;***[25] **they are a single entity** because **"there is nothing aside from Him."**[26]

**This constituted the Divine service of our Patriarch Avraham. He did not seek *mesiras nefesh.* It was only that, if in the course of his efforts *mesiras nefesh* were required, he was ready** to manifest **that** quality **as well. When he was cast into the burning furnace,**[27] **that did not present an obstacle.** He continued unfazed, undauntedly **carrying out his mission of "proclaim[ing] there the name of G-d, eternal L-rd."**

**The Rebbe** Rayatz **conducted himself in the same manner. He did not pursue *mesiras nefesh;* that was not his focus. He pursued "proclaim[ing] there the name of G-d, eternal L-rd," spreading the Torah and its *mitzvos*** together **with *pnimiyus haTorah* and its customs and practices. That was his focus. Regardless of** the obstacles he faced, **he never halted** in his pursuit of **this** goal. Instead, **he carried out his mission with *mesiras nefesh,*** even in the literal sense.

**Accordingly, he did not engage in contemplation nor** did he **debate whether one is halachically obligated to sacrifice himself in such a situation.** That did not concern him **because *mesiras nefesh* was not his mission. His mission was to spread and strengthen *Yiddishkeit.* He was not interested in other matters,** and **nothing would hold him back from his work.**

**For this reason,** a person who follows his approach and emulates his example **is not affected by** any of **the different groups in the Jewish**

אָבֶּער פָּאָרְט צְוֵויי זַאכְן, נָאר אֵ־ל עוֹלָם, דָאס אִיז אֵיין זַאךְ - אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס עֲבוֹדָה. נִיט עֶר הָאט גֶעזוּכְט מְסִירַת נֶפֶשׁ, נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפָּאדֶערְט צוּ זַיְין עֲבוֹדָה מְסִירַת נֶפֶשׁ אִיז עֶר גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף דֶעם. אַז מֶען הָאט אִים אַרַייְנְגֶעוָוארְפְן אִין כִּבְשַׁן הָאֵשׁ, - אִיז דָאס נִיט גֶעוֶוען קֵיין מְנִיעָה, אַבִּי דוּרְכְצוּפִירְן זַיְין עֲבוֹדָה פוּן וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ׳ אֵ־ל עוֹלָם.

אוּן אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן אוֹפֶן אִיז גֶעוֶוען דִי הַנְהָגָה בַּיי דֶעם בַּעַל הַהִילּוּלָא. עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעיָאגְט נָאךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ, נִיט דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיְין עִנְיָן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט נָאךְ דֶעם וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ׳ אֵ־ל עוֹלָם, מֵפִיץ זַיְין תּוֹרָה וּמִצְווֹת מִיט פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה מִיט אִירֶע מִנְהָגִים אוּן הַדְרָכוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיְין עִנְיָן אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נִיט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר קֵיין זַאךְ אוּן גֶעטָאן זַיְין אַרְבֶּעט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ וְעַד בִּכְלַל.

בְּמֵילָא אִיז עֶר נִיט אַרַייְנְגֶעגַאנְגֶען אִין חֲקִירוֹת אוּן שַׁקְלָא וְטַרְיָא אוֹיבּ מֶען דַארְף עַל פִּי דִין אִין אַזַא פַאל זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין אָדֶער נִיט. וָוארוּם עֶר טוּט נִיט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, עֶר טוּט אִין הֲפָצַת וְהַחְזָקַת הַיַּהֲדוּת אוּן וֶועגְן אַנְדֶערֶע זַאכְן קְלֶערְט עֶר נִיט, קֵיין זַאךְ שְׁטֶעלְט אִים נִיט אָפּ פוּן זַיְין אַרְבֶּעט.

אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר אוֹיךְ נִיט נִתְפָּעֵל פוּן דִי פַארְשִׁידֶענֶע כִּתּוֹת וָואס

25. As the Rebbe explains in *Basi LeGani,* 5711, sec. 8, in the verse, אֵ-ל עוֹלָם means "eternal G-d." However, the word *olam,* translated as "eternal," also means "world." Thus, we find the expression אֵ-ל הָעוֹלָם, "the G-d of the world." In that context, by saying אֵ-ל עוֹלָם, rather than אֵ-ל הָעוֹלָם, the implication is not that G-d (אֵ-ל)is an entity unto Himself and the world (עוֹלָם) is an entity unto itself – only that G-d is "the G-d of the world," i.e., He governs and rules it. Instead, אֵ-ל עוֹלָם implies that G-dliness and the world are entirely one. There is no separation between them.

26. *Devarim* 4:35.

27. See *Pirkei DeRabbi Eliezer,* ch. 26, *et al.*

**community. He is not interested in any of the arguments. He knows only one thing: he has to proceed closer to Mount Sinai. If there is a sea in the way, he jumps into the sea.**

**What will happen afterwards? That is G-d's concern. It does not affect him.** He knows that **he has to do what is incumbent upon him – to proceed closer to Mount Sinai.**

זַיינֶען פַּארַאן בַּיי אִידְן. אִים אִיז נִיט נוֹגֵעַ די אַלֶע טַעֲנוֹת. עֶר ווייס מֶער נִיט ווי אֵיין זאַך, אַז מֶען דאַרף גֵיין וואָס נֶענְטֶער צוּ הַר סִינַי. אַי, סְ'אִיז אִין מִיטְן דָא אַ יַם, שְׁפְּרִינגְט עֶר אִין יַם. אַי, וואָס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, - דָאס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערשְׁטְנְס גֶעשֶׁעפְט, אִים אִיז דָאס נִיט נוֹגֵעַ, עֶר דאַרף זִיךְ טָאן זַיינְס, גֵיין אַלְץ נֶענְטֶער צוּ הַר סִינַי.

## Marching Orders

**7. This is the directive the Rebbe** Rayatz **conveyed to us – to everyone who has to prepare themselves** and their fellow Jews **for the Future Redemption. Our task is to carry out** the mission implied by our Sages' words,[28] **"I was created to serve my Creator."** Specifically, this entails efforts to **"love the created beings and draw them close to the Torah."**[29]

**This is our focus, and anything else is not relevant to us at all. The fact that there are different groupings** among the Jewish people, **with diverse and** often **inexplicable approaches** is of no concern. **One shouts, "Let us appoint a leader and return to Egypt," another** desires **to go into battle,** and still **another to flee into the desert. Since none** of these paths **is the path that brings us closer to receiving the Torah, they are not our path.**

**Our focus is to proceed to receive the Torah.** This is not ancient history; instead, as we bless G-d before our Torah study every day, **He is נוֹתֵן הַתּוֹרָה, "the One who gives the Torah," present tense. We will** press forward – proceeding to receive the Torah – **without making any reckoning. If there is a sea in between, it does not matter. We will jump into the sea. If there is a mountain** in front of us, **we will break through**

ז. אוּן דָאס אִיז די הוֹרָאָה וואָס דֶער בַּעַל הַהִילוּלָא הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, צוּ די אַלֶע וואָס דאַרְפְן צוּגְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶער גְאוּלָּה הָעֲתִידָה:

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם: אֲנִי נִבְרֵאתִי לְשַׁמֵּשׁ אֶת קוֹנִי[כז]. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז - אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה.

דָאס אִיז אוּנְזֶער עִנְיָן אוּן מֶער אִיז אוּנְז גָארְנִיט נוֹגֵעַ.

דָאס וואָס עֶס זַיינֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע כִּתּוֹת מִיט סְבָרוֹת שׁוֹנוֹת אוּן אוֹיךְ מְשׁוּנוֹת, דֶער שְׁרַייט, נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה מִצְרַיְמָה, דֶער שְׁרַייט, מֶען דאַרף מִלְחָמָה הַאלְטְן, דֶער שְׁרַייט, מֶען דאַרף אַנְטְלוֹיפְן אִין מִדְבָּר, - ווייבאַלד אָבֶּער דָאס אִיז נִיט דֶער וועג צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיז דָאס נִיט אוּנְזֶער וועג.

אוּנְזֶער עִנְיָן אִיז גֵיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. עֶס אִיז דאָךְ נוֹתֵן הַתּוֹרָה לָשׁוֹן הוֶֹה. אוּן דָאס וֶועלְן מִיר טָאן אָן חֶשְׁבּוֹנוֹת. אִיז פַּארַאן אִין מִיטְן אַ יַם - מֵהֵיכֵי תֵּיתֵי, וֶועט מֶען גֵיין אִין יַם. אִיז פַּארַאן אִין מִיטְן אַ בַּארג, וֶועט מֶען דוּרְכְשְׁפַּארְן

---

28. *Kiddushin* 82a.

29. *Avos* 1:12.

**the mountain. We are going to receive the Torah to bond with G-d.**

**When we proceed to receive the Torah without making calculations, then** we will see the fulfillment of the prophecy, **"G-d will fight for you, and you shall be silent."**[30]

דֶעם בַּארְג. מִיר גֵייעֶן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוֹיף פַּארְאֵייניקְן זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

און אַז מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה אָן חֶשְׁבּוֹנוֹת, אִיז דֶעמָאלְט, ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן.

## Taking the Final Step

**8. Nachshon merited to be the first of the *nesi'im* ("tribal leaders") to offer a sacrifice in the Sanctuary and dedicate it,** thus **bringing about the** manifestation of G-d's promise, **"I will dwell among them."**[31] **Similarly, every Jew should consider himself a Nachshon.**

**Then,** we **will** see the fulfillment of **the words of the *Tikkunei Zohar,***[32] **that when there will be one Jew who conducts himself as he should, he will bring about *Mashiach's* coming. (That source reads "one *tzadik*," however,** it applies to every Jew because **"Your nation are all *tzadikim*.")**[33] Then, **we will receive *pnimiyus haTorah* as will be revealed by *Mashiach*.**

**Through this, we will come to *Az yashir*** ("Then, we will sing"),[34] the beginning of the song of Moshe and the Jews at the splitting of the sea. Our Sages[35] interpret this phrase as **an allusion to the Resurrection of the Dead,** when **"those who lie in the dust will rise and sing joyously,"**[36] **with the Rebbe** Rayatz **among them. And he will lead us to *Mashiach* with kindness and mercy.**

ח. און אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אוֹיף נַחְשׁוֹן'עֶן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ זַיְין דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי נְשִׂיאִים צוּ מַקְרִיב זַיְין און מְחַנֵּךְ זַיְין דֶעם מִשְׁכָּן, עֶס זָאל זַיְין דֶער וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן אַלְס אַ נַחְשׁוֹן.

און דֶעמָאלְט ווֶעט זַיְין, ווִי עֶר זָאגְט אִין תִּקּוּנֵי זֹהַר, אַז בְּעֵת עֶס ווֶעט זִיךְ גֶעפִינֶען אֵיין אִיד ווָאס אִיז ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין (דָארְט שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן צַדִּיק, און ס'אִיז דָאךְ וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים), ווֶעט עֶר בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ'ן, און ווֶעט מְקַבֵּל זַיְין דִי פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה ווָאס מָשִׁיחַ ווֶעט מְגַלֶּה זַיְין.

און דוּרְךְ דֶעם ווֶעט מֶען צוּקוּמֶען צוּ אָז יָשִׁיר, מִכָּאן רֶמֶז לִתְחִיַּת הַמֵּתִים מִן הַתּוֹרָה, אַז עֶס ווֶעט זַיְין הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר וְהוּא בְּתוֹכָם, אַז דֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל הַהִילוּלָא ווֶעט אוּנְז פִירְן אַנְטְקֶעגְן מָשִׁיחַ'ן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

---

30. *Shmos* 14:14.

31. *Shmos* 25:8.

32. Such a statement is not explicitly found in *Tikkunei Zohar*. However, beginning with the Alter Rebbe (*Maamarim HaKetzarim*, p. 403), the Rebbeim quoted it in this manner in their *maamarim*. See *Zohar Chadash*, p. 23d.

33. *Yeshayahu* 60:21; *Sanhedrin* 10:1.

34. *Shmos* 15:1.

35. *Mechilta* and *Rashi* on the above verse; *Sanhedrin* 91b.

36. *Yeshayahu* 26:19.

---

כו) סוטה ב, א.

כז) קידושין פב, א.

# YUD SHVAT III | יו"ד שבט ג

Adapted from a *sichah* delivered on 14 Shvat, 5710 (1950)[1]

## Introduction

After the Morning Prayers on the fourth day after the passing of the Rebbe Rayatz, the Rebbe said, "Torah Law[2] states that the first three days after a person's passing are characterized by intense mourning, and there are seven days for eulogizing…. Chassidim do not deliver eulogies. Instead, they tell stories about the departed."[3]

On that day and the following days, he told several stories about the Rebbe Rayatz, including these that follow.

---

1. These are selections from remarks the Rebbe made during the *Shivah*, seven days of mourning, for the Rebbe Rayatz.

2. *Moed Katan* 27b; *Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 394:1.

3. *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 504.

# Chassidim Do Not Eulogize

## Destiny Defined

**1. At the *bris* of the Rebbe** Rayatz, **he cried as infants usually do. His grandfather, the Rebbe Maharash said** to him, **"Why are you crying? When you grow up, you will be a ___ and deliver *Chassidus* eloquently."**

**This is the way – i.e., with a blank space after "you will be a" – the episode is recorded in the journal of the Rebbe** Rayatz.[1] **I heard from chassidim that the Rebbe Maharash said, "You will be a Rebbe." Therefore, we can understand why there was an open space in the journal of the Rebbe** Rayatz.

א. בְּשַׁעַת זַיְין בְּרִית הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוויינְט, ווִי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז בַּיי קִינְדֶער, הָאט זַיְין זֵיידֶע דֶער רֶבִּי מוֹהֲרַ"שׁ גֶעזָאגְט: וואָס ווֵיינְסְטוּ? ווֶען דוּ ווֶעסְט אוֹיסְווַאקְסְן ווֶעסְטוּ זַיְין... אוּן זָאגְן חֲסִידוּת בְּשָׂפָה בְּרוּרָה. אַזוֹי אִיז פַאְרצֵייכְנְט אִין דֶעם רֶבִּי'נְס רְשִׁימוֹת הַמַּאֲסָר מִיט אַ מָקוֹם חָלָק נָאכְן וואָרְט זַיְין. פוּן חֲסִידִים הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט ווֶעסְטוּ זַיְין אַ רֶבִּי. דֶערְמִיט אִיז פַאְרשְׁטֶענְדְלֶעךְ וואָס עֶס אִיז דָא אַ לֵיידִיקֶער אָרְט אִין דִי רְשִׁימוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

## A Chassidic Kiss

**2. In 5644** (1884), **when the Rebbe** Rayatz **was a child** of four, **his father, the Rebbe Rashab, lived in a home of two rooms. One room served as the bedroom, and the other** served many purposes; **the cot of the Rebbe** Rayatz **was also in this room.**

**One** night, the Rebbe Rashab **was studying together with the eminent chassid, Reb Yaakov Mordechai Bespalov.** Now, **the Rebbe** Rayatz **was a beautiful child, and his face was luminous. Late that night, as they were studying, Reb Yaakov Mordechai caught sight of** the child **as he lay asleep. He began speaking with the Rebbe Rashab** about his son, commenting **that the child's radiant appearance indicated purity of thought.**

ב. ווֶען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעווֶען אַ קִינְד, אִין יָאר תרמ"ד, הָאט דַאן זַיְין פָּאטֶער, דֶער רֶבִּי (מְהוֹרַשַׁ"בּ) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, גֶעלֶעבְּט אִין אַ דִירָה פוּן צְווֵיי צִימֶערְן. אֵיין צִימֶער אִיז גֶעווֶען דֶער חֲדַר הַמִּטּוֹת - שְׁלָאף־צִימֶער - אוּן אִין צְווֵייטְן צִימֶער אִיז עֶר גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט הָרַב הַגָּאוֹן וְהָרַב הֶחָסִיד ר' יַעֲקֹב מָרְדְּכַי בֶּעזְפַּאלָאוו אוּן גֶעלֶערְנְט. דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעווֶען דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּעטְל. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער, זַיְין פָּנִים הָאט גֶעלוֹיכְטְן. אַמָאל, אִין מִיטְן לֶערְנֶען, שְׁפֶּעט בַּיְינַאכְט הָאט הָרַב יַעֲקֹב מָרְדְּכַי גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן שְׁלָאפְנְדִיק, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵיידְן מִיט דֶעם רֶבִּי'ן נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אַז דֶער אוֹיסְזֶען אוּן דֶער שַׁיְין פוּן פָּנִים ווַיְיזְט אוֹיף טַהֲרַת הַמַּחֲשָׁבָה וכו'.

1. See *Likkutei Dibburim,* Vol. 4, p. 618a.

בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אַ שְׁטַארְקֶער רָצוֹן אוֹיף אַ קוּשׁ טָאן דֶעם רֶבִּי'ן. אִיז בַּיי אִים אַדוּרְךְ אִין גֶעדַאנְק, אַז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אַ חוּץ קָרְבָּנוֹת פְּלֶעגְט מֶען אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען כֶּסֶף, זָהָב וכו' לְבֶדֶק הַבַּיִת. הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אִיבֶּערְבַּייטְן דֶעם קוּשׁ אוֹיף חֲסִידוּת. אוּן הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם מַאֲמַר חֲסִידוּת דִּבּוּר הַמַּתְחִיל מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ. אִין יָאר תרנ"ב הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן צוּם רֶבִּי'ן דֶעם כְּתַב בְּמַתָּנָה, זָאגְנְדִיק: דָאס אִיז אַ חֲסִידִ'ישֶׁער קוּשׁ, אוּן מִיט דֶער צַיְיט וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן. תרנ"ו - הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

**The Rebbe Rashab was strongly moved to give his son a kiss.** At that moment, however, **it occurred to him that in the *Beis HaMikdash* people brought not only animal offerings, but also silver and gold for the upkeep of the *Beis HaMikdash*.** With that thought, the Rebbe Rashab **decided to exchange the kiss for a *maamar*** of ***Chassidus*, and wrote the *maamar* which begins with the words, *Mah Rabu Maasecha*.**

**In the year 5652** (1892) **he gave the manuscript to his son as a gift and said, "This is a chassidic kiss; one day I'll tell you about it."**

Four years later, in **5656** (1896), **he told him the whole story.**

## From an Early Age

ג. אִין יָאר תרנ"ז אִיז דֶער רֶבִּי (מְהוֹרַשַׁ"בּ) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, גֶעוֶוען שְׁטַארְק נִיט גֶעזוּנְט אוּן אִיז גֶעפָארְן קֵיין מָאסְקְוֶוע הֵיילְן זִיךְ.

הָאבְּן אִים דִי פְּרָאפֶעסָארְן דַאן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן עֶטְלֶעכֶע חֳדָשִׁים צוּ לֶעבְּן. אַז דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּיצִין, הָרַבָּנִית שְׁטֶערְנָא שָׂרָה נִשְׁמָתָהּ עֵדֶן, וֶועגְן דֶעם.

הָאט אִים דִי רֶבִּיצִין גֶעפְרֶעגְט: וָואס וֶועסְטוּ טָאן מִיט דַיְינֶע חֲסִידִים אוּן חֲסִידוּת? הָאט דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ לָאז דָאךְ אִיבֶּער אִים (גֶעמֵיינְט דֶעם רֶבִּי'ן).

אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַלְט גֶעוֶוען זִיבֶּעצְן יָאר!

(משיחת י"ד שבט, ה'שי"ת)

**3. In the year 5657** (1897), **the Rebbe Rashab was very ill. He traveled to Moscow for treatment.**

**The medical specialists in Moscow told him that he had only a few months to live.** Having **heard their** prognosis, **he** later **told his wife, Rebbitzin Shterna Sarah, that he had decided to travel to *Eretz Yisrael*.**

**The Rebbitzin asked him, "And what will you do with your chassidim and with *Chassidus*?"**

**The Rebbe Rashab replied, "Why, I'm leaving him!" – referring to** his son, **the Rebbe** Rayatz.

At that time, **the Rebbe** Rayatz **was** only **seventeen years old.**

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editor*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie